בעזרת השם יתברך

# פרק ג׳-ד׳

## • נח •

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

דער וועלכער האלט זיך גרויס איז גלייך ווי ער וואלט געדינט עבודה-זרה. - דער שכר פאַר מחדש זיין אמת׳ע חידושים און נישט גרויס האַלטן זיך מיט דעם - יעדער חידוש וואָס דער מענטש האָט מחדש געווען גייט ארויף און שטעלט זיך פאַר השי״ת, און השי״ת קרוינט אים מיט קרוינען.

❖

דער **״פרי-מגדים״** ז״ע, שרייבט: ״קב הישר״, א לעבנס-וויכטיק ספר, וואס היילט די נשמה און גוף. אלע זיינע ווערטער זענען דורכגעטראַכט און מוסר. עס העלפט סיי דעם תלמיד חכם און סיי דעם דורכשניטלעכן איד און אויך פרויען״.

# אינהאלט
## פון פרקים ג׳-ד׳


א. אין פרק ג׳ ווערט ערקלערט: אַז ווען אַ מענטש זיצט מיט זיין חבר זאָל ער רעדן מיט אים דברי תורה............ד

ב. אַ מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון לצנים, בעלי לשון הרע און רכילות............ד

ג. דער וואָס רעדט לשון הרע און ליצנות, ווערט פאַרנאַרט פון שדים רח״ל, וואָס ווערן אָנגערופן ״כסילים״............ו

ד. ליצנות און לשון הרע ווערט פאַרצייכנט אין ספר וואָס ווערט אָנגערופן ״פועלי און״............ו

ה. פלעצער וואו עס איז פאַראַן מחלוקת זאַמלען זיך די משחיתים............ו

ו. דער מענטש וואָס שמועסט אין שוהל, ער האָט נישט קיין חלק אין דעם ג-ט פון די אידן............ז

ז. דער האַרבער איסור פון רעדן דברים בטלים אין שוהל............ז

ח. אַ ספעציעלער ממונה וואַרט און האָפט כסדר צו הערן אַ וואָרט פון איסור............ח

ט. דער מענטש דאַרף געוואוינען זיין מויל צו קדושה רייד, און רעדן אין לשון הקודש............ט

י. דער מענטש וואָס איז געוואוינט מיט קללות און קריגעריי, איז זיין שורש נשמה פון דער סטרא אחרא רח״ל............ט

יא. דאָס מויל וואָס רעדט נישט קיין דיבורים אסורים, ווערט אָנגערופן אַ הייליג מויל............ט

יב. מען זאָל פאַר זיך אויסוועלן אַן אָרט צו זיצן אין בית המדרש נעבן ערליכע אידן............י

יג. אין פרק ד׳ ווערט דערקלערט: דער שכר פאַר מחדש זיין אמתע חידושים און נישט גרויס האַלטן זיך מיט דעם - יעדער חידוש וואָס דער מענטש האָט מחדש געווען גייט

ארויף און שטעלט זיך פאַר השי"ת, און השי"ת קרוינט
אים מיט קרוינען ........................................................ יא

**יד.** ווער איז דער, וואָס נעמט זיך איבער מיט זיין לערנען:
ווער איז דער, וואָס זיין גאַנץ לערנען איז נאָר זיך גרויס צו
האַלטן ........................................................ יא

**טו.** ער נעמט די פאַלטשע רייד און מאַכט פון דעם אַ פאַלטשען
הימל, וואָס ווערט גערופן "תהו" און "שוא". ........................ יב

**טז.** "כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה וַעֲצֻומִים כָּל הֲרֻגֶיהָ" ........................ יג

**יז.** די דרשנים וועלכע זוכען בלויז צו געפעלן פאַר די צוהערער,
וועלן אַוודאַי נישט זוכה זיין לעתיד לבוא צו הערן, דעם
דרש פון חידושי תורה וואָס גאָט ב"ה וועט דעמאָלטס
זאָגן ........................................................ יד

**יח.** גאָט ב"ה וועט דרש'נען די טעמים פון די תורה וואָס ער
וועט אונז געבן לעתיד דורך משיח צדקנו ........................ יד

**יט.** המורה הוראה לאחרים ולא הגיע להוראה ........................ טו

**כ.** ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן אַ דין תורה ביים רבי'ן ר'
שמעלקא פון ניקלשבורג זצ"ל ........................ טז

❖ ❖ ❖

# פרק ג׳

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: אַז ווען אַ מענטש זיצט מיט זיין חבר זאָל ער רעדן מיט אים דברי תורה.**

**א. דוד המלך,** האָט אָנגעהויבן תהלים מיט'ן פסוק: אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים וגו׳, וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב, וואויל איז דעם מענטשן וואָס ער איז נישט געגאַנגען אין דער עצה פון די רשעים, און צווישן די שפעטערס איז ער נישט געזעצן. און אַזוי האָבן אונזערע חכמים אויך געזאָגט אין מסכת אבות (פרק ג׳, משנה ב׳) צוויי מענטשן וואָס זיצן צוזאַמען און רעדן נישט קיין דברי תורה, איז דאָס אַ זיצונג פון שפעטערס, און וויבאַלד די דאָזיגע שטרויכלונג איז ליידער בעוונותינו הרבים זייער פאַרשפרייט יעצט, דעריבער דאַרף דער מענטש שטאַרק אַכטונג געבן אויף דעם לאו, אַז ווען ער זיצט מיט אַנדערע מענטשן זאָל ער מיט זיי רעדן דברי תורה אָדער רייד פון מוסר און פון יראת שמים.

**אַ מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון ליצנים, בעלי לשון הרע און רכילות**

**און** אוודאי געוויס אַז דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון די מענטשן וואָס זיצן און שפעטן אָפּ און רעדן אַזעלכע רייד וואָס נוצן גאָרנישט, און דורך אַסאַך רייד ווערט נישט פאַרמיטן קיין זינד פון ליצנות אָדער לשון הרע, און דורך דעם ווערט באַשאַפן אַזעלכע ענינים וואָס ברענגען אַ פגם צו זייער נשמה, און דער וואָס האָט מורא פון דעם אויבערשטן, זאָל זיך דערווייטערן פון דער איינזאַמלונג פון די דאָזיגע חברותא.

**דער וואָס רעדט לשון הרע און ליצנות, ווערט פאַרנאַרט פון שדים רח"ל, וואָס ווערן אָנגערופן "כסילים"**

**ב. ודע לך,** און דו זאָלסט וויסן אַז עס איז פאַראַן אַ כיתה שדים וואָס ווערן גערופן כסילים, און זיי זענען ממונה זיך צו באַווייזן צו די מענטשן ווען זיי גייען אַליין ביינאַכט, און אָפט באַווייזן זיי זיך אַפילו צו אַ חברותא פון עטליכע מענטשן, און אַמאָל זאָגן זיי, מיר וועלן גיין אינאיינעם צו דעם אָדער יענעם גאַסט הויז, און זיי ווייזן אָן פאַר דעם מענטש ווי עס לייכט זיך דאָרט אַ ליכט, נישט ווייט פון דאַנעט.

**דער** מענטש מיינט אַז זיי גייען צו אַ גאַסט הויז וואָס איז דאָרט נישט ווייט, אָבער דערווייל פירן זיי אים אַראָפּ פון וועג, און אָפט פירן זיי אים אַריין אין זומפּ אָדער אין די בלאָטע, אָדער אין אַ וואַלד, וואָס דאָרט געפינט זיך דער מענטש ממש אין סכנת נפשות.

**ליצנות און לשון הרע ווערט פאַרצייכנט אין ספר וואָס ווערט אָנגערופן "פּועלי און"**

**ג. והן הם,** און די זעלבע משחיתים זענען ממונה אויף די מענטשן וואָס זאַמלען זיך איין כיתות ווייז, צו רעדן זעלכע ווערטער וואָס נוצן גאָרנישט, און די משחיתים ווערן אויך אָנגערופן מיט דעם נאָמען "פּועלי און", וואָס זיי שרייבן אויף אַלע רייד פון ליצנות און לשון הרע אויף אַ בוך וואָס ווערט אָנגערופן מיט דעם זעלבן נאָמען, "פּועלי און". ווען די דאָזיגע מענטשן שטאַרבן, גייען די דאָזיגע כיתות אַרויס און באַגעגענען זייער נשמה, און פירן איר אין די מדבריות אָדער אין די זומפּן, און זענען זייער מצער די נשמה.

**פלעצער וואו עס איז פאַראַן מחלוקת זאַמלען זיך די משחיתים**

**דעריבער** דאַרף דער מענטש זיך דערווייטערן פון זיך באַהעפטן מיט

די מענטשן, און אַוודאי געוויס אַז ווען דו זעסט מענטשן וואָס מעון זיך צו קריגן איינער מיט׳ן אַנדערן, זאָלסטו אַנטלויפן פון זיי, ווייל אין די דאָזיגע פלעצער וואו עס איז פאַראַן מחלוקת זאַמלען זיך צוזאַמען די משחיתים.

**פון דעם** קענסטו דיר אויסמאָלן דעם פגם פון די מענטשן וואָס רעדן דברים בטלים אין אַן אָרט פון קדושה, דהיינו אין שוהל אָדער אין בית המדרש, וואָס דאָס איז געמאַכט געוואָרן עס זאָל זיין פול מיט דעם געזאַנג פון שירות ותשבחות און תחנונים צו דעם אויבערשטן ברוך הוא.

## דער מענטש וואָס שמועסט אין שוהל, ער האָט נישט קיין חלק אין דעם ג-ט פון די אידן

**ד. ואתה ראה,** און דו זעה, וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת תרומה (דף קל״א ע״ב) אַז דער מענטש וואָס שמועסט אין שוהל, איז ווי און ביטער צו אים, און ער האָט נישט קיין חלק אין דעם ג-ט פון די אידן. זע דאָרטן אין זוהר באריכות. איך האָב דייער מקצר געווען דערין, ווייל די שטראָף דערפאַר שטייט שוין אין אַלע ספרי מוסר. און מיר, זיין פאָלק, זענען מחוייב יעדער איינער באזונדער צו מאַכן זיך אַ נדר נישט צו רעדן קיין שום דברי חול אין שוהל, ווייל נאָך וואָס טויג דאָס אים אַז צוליב אַזאַ גרינגע זאַך זאָל ער ח״ו נישט האָבן קיין חלק אין דעם ג-ט פון די אידן, אַזוי ווי דער זוהר שרייבט.

## דער האַרבער איסור פון רעדן דברים בטלים אין שוהל

**און אַוודאי** געוויס אַז **דער מענטש זאָל נישט רעדן קיין ליצנות אָדער רכילות אין שוהל, וואָס דאָרט איז די דירה פון די שכינה הקדושה,** און אַז אַ מענטשן זענען נישט נזהר צו רעדן אין שוהל ליצנות אָדער רכילות און לשון הרע, זענען זיי דערמיט גורם אַז די שכינה שיידט זיך אָפּ פון אידן, און דורך דער

דאָזיגער עבירה זענען ליידער בעוונותינו הרבים חרוב געוואָרן אַסאַך שוהלן, ווייל די דאָזיגע מענטשן וואָס רעדן דברים בטלים אין די שוהלן, ברענגען אַריין די סטרא אחרא אין דער מחנה שכינה, וואָס זי איז גאָר הייליג, און אין אַלע דברים שבקדושה וואָס אַ מענטש טוט, זאָל ער זיין זייער געוואָרענט אַז ער זאָל אין דעם נישט גורם זיין אַן אַריינמישונג פון די חיצונים ח״ו.

## אַ ספּעציעלער ממונה וואַרט און האָפּט כסדר צו הערן אַ וואָרט פון איסור

**ה. והנה דע,** און אָט דאַרפסטו וויסן וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט אין פרשת תרומה (דף רס״ג ע״ב) אַז עס איז פאַראַן אַ ממונה פון דער סטרא אחרא וואָס וואַרט און האָפּט אויף יעדן איינעם וואָס ברענגט אַרויס פון זיין מויל אַ שענדליך וואָרט, דהיינו ליגנט אָדער לשון הרע, ליצנות און דאָס גלייכן, און דערנאָך זאָגט ע־ אַרויס פון זיין מויל הייליגע רייד, גייט דער ממונה מיט די אַנדערע חיצונים וואָס זענען אונטער אים, און ער נעמט דאָס הייליגע וואָרט וואָס דער איד האָט אַרויסגעזאָגט, און זיי זענען עס מטמא, און דער מע׳טש איז שוין מער נישט זוכה אין דעם הייליגן וואָרט, ווייל די חיצונים האָבן צוגענומען דאָס הייליגע וואָרט צו זיך, און עס ווערט פאַר זיי :עמערט כח דורך דעם הייליגן וואָרט. ווי איז צו די דאָזיגע מענטשן אויף דער וועלט, און ווי איז צו זיי אויף יענע וועלט.

**צו דעם** אלעם ברענגען נאָר די איבריגע רייד, ווייל דורך ־י פילע רייד איז נישט מעגלעך אַז עס זאָל נישט צומישט ווערן גוטס מיט שלעכטס, און שלעכטס מיט גוטס, און דורך דעם קומ׳ צו חס ושלום, כוח און שטאַרקייט צו דער סטרא אחרא.

## דער מענטש דאַרף געוואוינען זיין מויל צו קדושה רייד, און רעדן אין לשון הקודש

**ו. על כן,** דעריבער איז בעסער פאַר דעם מענטש אַז ער זאָל צוגעוואוינען זיין מויל און צונג מיט רייד פון יראת שמים און מוסר, און זיין מויל זאָל זיין געוואוינט מיט דער שפּראַך פון לשון הקודש, ווייל דאָס איז אַ שיין לשון און עס העלפט פאַר די נשמה. און אָט דאָס איז די כוונה פון די ווערטער פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה, אַז פון די רייד פון אַ מענטש ווערט דערקענט דער שורש פון זיין נשמה.

## דער מענטש וואָס איז געוואוינט מיט קללות און קריגעריי, איז זיין שורש נשמה פון דער סטרא אחרא רח״ל

**ז. אם הוא,** אויב ער איז געוואוינט מיט קללות אָדער מיט קריגעריי, זאָלסטו וויסן אַז זיין נשמה איז פון דער סטרא אחרא, פון דעם שורש הטומאה פון דעם שלאַנג, און ער איז נישט מגזע קדוש, נאָר ער קומט אַרויס פונעם ערב רב. און כאָטש זיין פאָטער און מוטער זענען צדיקים, פונדעסטוועגן איז דער גלגול פון זיין נשמה פון ערב רב, און אויך דער וואָס רעדט שטענדיג דברים בטלים און שענדליכע רייד ח״ו, שרייבט וועגן דעם דער אר״י ז״ל אַז ער איז פוגם אין דער לבנה, און פון די אותיות לבנ״ה מאַכט ער נבל״ה ח״ו.

## דאָס מויל וואָס רעדט נישט קיין דיבורים אסורים, ווערט אָנגערופן אַ הייליג מויל

**דעריבער** בין איך מזהיר, אַז דער מענטש זאָל וויסן אַז דאָס מויל וואָס היט זיך פון רעדן לשון הרע קללות און רכילות, און איז נישט עוסק אין ליצנות, ווערט דאָס מויל גערופן אַ הייליג מויל, וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא באַרימט זיך דערמיט. און מכל שכן דער מענטש וואָס איז עוסק אין תורה און תפילה און אין שירות

ותשבחות צו דעם אויבערשטן ברוך הוא, נעמט דער אויבערשטער ב"ה זיין דיבור, און מאַכט דערפון אַ קרוין אויף זיין קאָפּ, נאָר אויף אַן אופן אַז ער איז מתפלל מיט כוונה.

## מען זאָל פאַר זיך אויסוועלן אַן אָרט צו זיצן אין בית המדרש נעבן ערליכע אידן

**ח. ויראה לבחור,** און דער מענטש זאָל זען פאַר זיך אויסצוּוועלן אַ באַזונדערן אָרט אין שוהל צו דאַווענען דאָרט נעבן אַ גוטן שכן און אַן ערליכן מענטש, און ער זאָל זיך דערווייטערן פון אַ שלעכטן שכן, כדי ער זאָל אים נישט שטרויכלען צו גיין ח"ו אין זיינע וועגן, און אויב עס איז נישט מעגלעך צו דערווייטערן זיך פון דעם שלעכטן שכן, ווייל ער האָט נישט קיין אַנדערן אָרט, זאָל ער מערן צו שטראָפן אים מיט רייד יעדן טאָג. אפשר וועט ער געפינען אַן עת רצון אַז ער זאָל מקבל זיין די תוכחה, און אפשר וועט זיין חבר אויך זוכה זיין דורך אים, און אויב דער מענטש זעט אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש און לאָזט זיך נישט שטראָפן און בלייבט שטיין ביי זיין רשעות, זאָל ער אַוועקלאָזן זיין אָרט און זאָל אַוועקגיין פון אים בשלום, און זאָל פאַר זיך באַקומען אַן אַנדער אָרט דאָרט צו דאַווענען.

# פרק ד׳

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער שכר פאַר מחדש זיין אמתע חידושים און נישט גרויס האַלטן זיך מיט דעם - יעדער חידוש וואָס דער מענטש האָט מחדש געווען גייט ארויף און שטעלט זיך פאַר השי״ת, און השי״ת קרוינט אים מיט קרוינען**

**א. ישעיה הנביא ע״ה,** האָט געזאָגט ״כִּי כַּאֲשֶׁר הַשָּׁמַיִם הַחֲדָשִׁים וְהָאָרֶץ הַחֲדָשָׁה אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה עֹמְדִים לְפָנַי וגו׳״ (ישעיה סו, כב) - ווייל אַזוי ווי די נייע הימלען און ערד וואָס איך וועל באשאַפן וועלן שטיין פאַר מיר. איז דער זוהר מפרש, אַז דער וואָס גייט אין ריכטיגן וועג און דינט השי״ת מיט זיין גאַנץ האַרץ, נפש און געלט, און לערנט תורה לשמה, און איז מחדש בדרך האמת לויט זיין שכל מיט אמת׳ע און קלאָרע הקדמות, און ער קאָנטראָלירט גוט נאָך אויב דאָס וואָס ער האָט מחדש געווען איז אָן קיין ספק אָדער פאַלטשקייט, דעמאָלטס פרייט זיך זייער השי״ת מיט אים און זיין תורה. און יעדער חידוש וואָס דער מענטש האָט מחדש געווען גייט ארויף און שטעלט זיך פאַר השי״ת, און השי״ת קרוינט אים מיט קרוינען און קושט אים און מאַכט נייע הימלען און ערד פון די נייע ווערטער, און זיי שטייען פאַר אים שטענדיג כדי ער זאָל אויף דעם אַכטונג געבן מיט השגחה פרטית.

**ווער איז דער, וואָס נעמט זיך איבער מיט זיין לערנען: ווער איז דער, וואָס זיין גאַנץ לערנען איז נאָר זיך גרויס צו האַלטן?**

**ב. וכדי,** און וועגן די מלאכי השרת זאָלן נישט מקנא זיין דעם ת״ח, באַדעקט השם יתברך די חידושי תורה, ביז עס ווערן פון זיי נייע הימלען און ערד, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט ״וּבְצֵל יָדִי כִּסִּיתִיךָ״

(ישעיה נא, טז) און אין דעם שאָטן פון מיין האַנט האָב איך דיר באַדעקט. ״לִנְטֹעַ שָׁמַיִם וְלִיסֹד אָרֶץ״ - צו פלאַנצן הימלע׳ און צו באַפעסטיגן די ערד. אָבער דאָס ווענדט זיך נאָר אויב ער האַלט זיך נישט גרויס מיט זיין תורה וואָס ער האָט געלערנט און מחדש געווען. אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר תרומה (קכט, א), אַז ווען די אידן זאָגן ״קדושה״, רופט מען אויס אין הימל: עליונים ותחתונים הערט זיך צו ווער ס׳איז שטאָלץ מיט זיין תורה, ווער איז דאָס וואָס זיין גאַנץ לערנען איז נאָר צו זיין בגיאות דערמיט. אַ מענטש דאַרף זיך קליין האַלטן מיט זיין תורה, ווייל עס איז נישטאָ קיין שטאָלץ מיט תורה נאָר לעולם הבא, (ביז אַהער זענען די ווערטער פון זוהר הקדוש). און פאַרוואָס רופט מען דאָס אויס דוקא בעת קהל זאָגט קדושה, ווייל מיר ווייסן (סוטה מט, א), אַז די וועלט שטייט אויף דעם וואָס אידן זאָגן קדושה ביי ״ובא לציון״, און דער וואָס האַלט זיך גרויס מיט זיין לערנען, דער מאַכט חרוב וועלטן, ווייל דער וואָס האַלט זיך גרויס מיט זיין תורה, איז דאָס אים גורם צו מאַכן פאַלטשע הקדמות און דרש׳נט נאָר כדי זיך צו באַרימען מיט דעם וואָס ער האָט מחדש געווען, כאָטש עס איז נישט אמת*.

## ער נעמט די פאַלטשע רייד און מאַכט פון דעם אַ פאַלטשען הימל, וואָס ווערט גערופן ״תהו״ און ״שוא״.

**ג. והנה,** קום און זעה וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש (בראשית ה, א), אַז דער וואָס איז מחדש אין תורה מיט פאַלטשע הקדמות, וואָס ווערט אָנגערופן דברי דופי (נאַרישע רייד), ווען זיי קומען אין דער לופט פון דער וועלט, גייט זי תיכף אַנטקעגן דער ס״ם, וואָס

---

*) דער מחבר לערנט אונז אַז אפילו גרויסע גאונים אויב ווען זיי זענען מחדש פשטי׳לעך מיט הלכות זוכען זיי נישט דעם אמת נאָר דאָס חריפות און המצאה עס זאָל זיין שיין צו קענען געפעלן פאַר די צוהערער אָדער צו דרוקען אַ ספר, די מאַכען חרוב וועלטן, פאַרקערט פון די וואָס זוכען דעם אמת וואָס דורך זיי קומען צו נייע וועלטן.

ווערט גערופן "איש תהפוכות" (משלי טז, כח) און "לשון שקר" (דארט יב, יט) איז ער זיך מתגבר און קומט אנטקעגן די חידושי תורה פון די טיפענישן פון אפגרונט און שפרינגט זיי אנטקעגן פינף הונדערט פרסה (זעכצן הונדערט מייל), און ער נעמט די פאלטשע רייד און מאכט פון דעם א פאלטשען הימל, וואס ווערט גערופן "תהו" און "שוא". אין דעם הימל שוועבט דער איש תהפוכות זעקס טויזנט פרסה מיט א מאל. די אשת זנונים לילית הרשעה (די נקבה פון ס"ם) און אזוי ווי די פאלטשע הימעל איז שוין דא, גייט זי אנטקעגן און זי שטארקט זיך אויף אויף דעם הימל, און מיט איר באהעפטן זיך פיל טויזנטער מזיקים און שוועבן אין דעם דאזיגן הימל דורך די גאנצע וועלט אין איין רגע. און די משחיתים'דיגע חיילות מיט די זינדיגע "לילית", קליידן זיך ווי וועלטליכע ארמייען, און פאלן אן די רשעים און הארגענען פון זיי פיהל.

## "כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה וַעֲצֻמִים כָּל הֲרֻגֶיהָ"

**ד. ובכלל,** און אין דעם כלל איז אויך איינגעשלאסן דער וואס האלט זיך פאר א מורה הוראה אן דעם וואס ער האט דערגרייכט צו זיין א "מורה - הוראה", צוליב דעם קומען אויף גזירות רעות ר"ל און אויף דעם זאגט דער פסוק, (משלי ז, כו): "כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה וַעֲצֻמִים כָּל הֲרֻגֶיהָ"- פיל האט זי גע'הרג'ט אן א שיעור, דאס אלץ איז גורם דער מורה הוראה וואס האט נאך נישט דערגרייכט צו פסקענען ריכטיג, אדער דער וואס איז מחדש אין תורה מיט פאלטשע הקדמות און זאכן וואס זענען נישט אמת. דערפאר האט רבי שמעון געזאגט צו זיינע תלמידים:

**איך בעט** פון אייך, איר זאלט נישט ארויס געבן פון אייער מויל דברי תורה וואס איר ווייסט זיי נישט קלאר, און האט זיי נישט געהערט פון א פארלעסליכן אויסגערופענעם תלמיד חכם, כדי איר זאלט נישט גורם זיין אז די "לילית" זאל אומברענגען מאסן אידן.

אויף דעם זאָגט דער פּסוק (ישעיה ה, יח): ״הוֹי מֹשְׁכֵי הֶעָוֹן בְּחַבְלֵי הַשָּׁוְא, וְכַעֲבוֹת הָעֲגָלָה חַטָּאָה״ - ווי צו די מענטשן וואָס ציען די זינד מיט פאַלטשע תורה רייד, און די זינד ווערן אַזוי דיק ווי די שטריק פון אַ וואָגן. האָבן די תלמידים געענטפערט גאָט זאָל אונז ראַטעווען דערפון.

## די דרשנים וועלכע זוכען בלויז צו געפעלן פאַר די צוהערער, וועלן אַוודאַי נישט זוכה זיין לעתיד לבוא צו הערן, דעם דרש פון חידושי תורה וואָס גאָט ב״ה וועט דעמאָלטס זאָגן

**ה. והנה,** אין היינטיגע דורות טרעפט מען די זינד אָפט מאָל, אַז מענטשן דרש׳נען ברבים לויט פאַלטשע הקדמ׳ות, דאָס מיינט זאַכן וואָס זענען נישט אמת׳דיג קלאָר, און פאַרבלענדן די אויגן פון מענטשן כדי צו ווערן געלויבט און גערימט דורך זיי. די מענטשן בייטן די אייביגע וועלט פאַר די וועלט וואָס איז נאָר אַ חיי שעה, און זענען גורם שלעכטע גזירות, אַזוי ווי עס ווערט פריער ערקלערט. דער וואָס האָט מורא פאַר גאָט זאָל באַטראַכטן דעם גרויסען שאָדן וואָס ער איז גורם פאַר זיך אויף יענע אייביגע וועלט אין פאַרגלייך צו דעם שכר, כבוד, אָדער געלט, וואָס ער באַקומט אין עולם הזה, וואָס דאָס איז נאָר אַ צייטווייליגע זאַך. דעם כבוד וואָס מענטשן גיבן אים פאַר זיין דרשה איז ווי אַ דאָרן צו זיין נשמה, און פלוצלונג וועט קומען אויף אים אַ מורא און פינסטערניש אָן קיין ליכטיגקייט, אָך און ווי צו די בושה און שאַנד וואָס ער וועט האָבן, ווען עס וועט קומען זיין צייט צו שטאַרבן. די דרשנים וועלן אַוודאַי נישט זוכה זיין לעתיד לבוא צו הערן די חידושי תורה וואָס גאָט ב״ה וועט דעמאָלטס זאָגן.

## גאָט ב״ה וועט דרש׳נען די טעמים פון די תורה וואָס ער וועט אונז געבן לעתיד דורך משיח צדקנו

**ו. כדאיתא,** אַזוי ווי עס שטייט אין מדרש (אותיות דרבי עקיבא אות ז׳, ילקוט ישעיה, רמז תכ״ט), גאָט ברוך הוא וועט זיצן

אין גן עדן און וועט דרש'נען די תורה און אַלע צדיקים וועלן זיצן פאַו אים, די פמליא של מעלה וועט שטיין אויף זיין רעכטע זייט, און די זון לבנה, שטערן און מזלות וועלן שטיין אויף די לינקע זייט, און גאָט ב"ה וועט דרש'נען די טעמים פון די תורה וואָס ער וועט אונז געבן דורך משיח צדקנו. נאָך די דרשה וועט זרובבל בן שאַלתיאל זיך שטעלן אויף זיינע פיס און זאָגן יתגדל ויתקדש וכו', זיין קול וועט מען הערן פון איין עק וועלט ביז צו די אַנדערע און אַלע מענטשן פון דער וועלט וועלן ענטפערן אָמן יהא שמי' רבָּא וכו'. אויך די רשעי-ישראל וואָס זענען איבערגעבליבן אין גהינם וועלן ענטפערן אָמן און אין דעם זכות וועלן זיי אויך ניצול ווערן אַזוי ווי עס שטייט אין מדרש.

**ז. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש נזהר זיין צו דרש'נען אמת'דיגע תורה און זאָגן הקדמות פון אמת, און גאָטס תורה זאָל זיין אין זיין מויל, דעמאָלטס וועט ער זוכה זיין צו הערן חידושי תורה פון גאָט ב"ה אמן.*

❖ ❖ ❖

## הוספה לפרק ד'

### המורה הוראה לאחרים ולא הגיע להוראה

**די משנה** זאָגט אין אבות פרק ג' משנה ז': רבי ישמעאל בנו אומר, רבי ישמעאל זיין זון זאָגט, החושך עצמו, ווער עס האַלט זיך צוריק, מן הדין, פון אַ דין תורה, פורק ממנו, וואַרפט ער אַראָפּ פון

*) דער רמב"ם שרייבט אין הלכות תשובה, אַז די ערגסטע זאַך וואָס קען פּאַסירען פּרר א מענטש, איז, זז ער זלל נישט זוכה זיין צו עולם הבא און הערן די חידושי תורה, וויל דאָס איז דער גרעסטער און העכסטער תענוג וואָס עקזיסטירט נישט העכער פון דעם.

זיך, איבה - פיינטשאַפט, וגזל - רויבעריי, ושבועת שוא, און אַ פאַלשע שבועה. והגס לבו, און ווער עס גרויסט זיך אינערליך אין האָרץ, בהוראה, בשעת ער גיט אַרויס דעם פסק דין, שוטה רשע, דער איז א ״נאַר״, א ״רשע״, וגס רוח, און אַ ״שטאָלצער״.

**החושך עצמו מן הדין וכו׳.** האָט ער דריי גוטע זאַכן. לכאורה איז דאָך שווער, אויב אַזוי ווער זאָל זיין אַ דיין. ענטפערט דער ספה״ק מאור עינים, אַז בשעת ז׳ער דיין פירט די דין תורה טאָר ער נישט אינזין האָבן אַז דער בעל דין איז מיין באַקאַנטער. דאָס מיינט החושך ״עצמו״ מן הדין, אַז דעם עצמיות דאַרף מען אַוועקנעמען בשעת׳ן דין תורה.

## ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן אַ דין תורה ביים רבי׳ן ר׳ שמעלקא פון ניקלשבורג זצ״ל

**ביים** רבי ר׳ שמעלקא פון ניקלשבורג זצ״ל פלעגט אַ דין תורה פאָרקומען אַזוי: דער רבי ר׳ שמעלקא׳ס תלמיד הר׳ה״ק רבי שלמה קשאַנאָווער זצ״ל האָט אויפגענומען די טענות פון די בעלי דינים, און נאָכדעם האָט ער איבערגעגעבן די טענות פאַר זיין רבי׳ן דער רבי ר׳ שמעלקא דורכ׳ן פענסטער, כדי ער זאָל נישט זע׳ ווער די בעלי דינים זענען, רבנים, ראשי הקהלה, אָדער סתם מענטשן, ער האָט נאָר געזאָגט: ראובן זאָגט אַזוי, שמעון זאָגט אַזוי, און מיט ״י נעמען האָט דער רבי ר׳ שמעלקא זי״ע גע׳פסק׳נט.

**והגס לבו** בהוראה, שוטה, רשע, וגס רוח. דאָס מיינט נישט אַז מ׳זאָל נישט זיין אַ דיין, מ׳דאַרף יאָ זיין אַ דיין מ׳דאַרף נאָר מתפלל זיין אַז מ׳זאָל חלילה נישט נכשל ווערן אין פסק׳ענען פאַלש די דין תורה. דער בערזשאַנער רב זצ״ל איז געקומע׳ צו דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער זצ״ל צו נעמען היתר הוראה, האָט ער אים פאַרהערט און זעלבסטפאַרשטענדליך, אז ער האָט אים געגעבן דעם היתר הוראה.

**אַרויסבאַגלייטנדיג** דעם ברעזשאנער רב, האָט ר׳ שלמה קלוגער געפרעגט דעם בערזשאַנער רב, דעם מהרש״ם, צי ער קען די כללי הוראה, האָט דער בערזשאַנער רב געענטפערט אַז יאָ, און ער האָט אָנגעוויזן וואָס עס שטייט אין צווייטן חלק יורה דעה (סו״ס רמ״ב) און חו״מ סי׳ כ״ה, עטליכע כללים ווי אַזוי צו פסק׳נען.

**האָט** ר׳ שלמה קלוגער געענטפערט אַז דאָס זענען נישט די כללי הוראה, דאָס איז בלויז אַ כלל אין פסק׳נען. די כללי הוראה זענען אַז מ׳דאַרף בעטן דעם באַשעפער אַז מ׳זאָל זיך נישט טועה זיין, אפילו אויב מ׳קען שוין גוט שולחן ערוך, דאַרף מען האָבן סייעתא דשמיא אַז מ׳זאָל גוט זאָגען. עס קומט פאָר ביי יעדן אַז מ׳איז זיך טועה, און ווען איינער איז אַ גס לבו בהוראה האָט ער נישט קיין סייעתא דשמיא, ווייל ער איז דאָך שטאָלץ איז ווי די גמרא זאָגט אין סוטה דף ה׳, ״דער וואָס איז שטאָלץ קען השי״ת נישט זיין ביי איםֿ״, און אויך צוליב זיין שטאָלץ איז ער נישט מתפלל אַז ער זאָל האָבן סייעתא דשמיא.